1976

דער ים וואַרפט אַרויס אויפן ברעג זײַן דערטרונקענע שטילקייט
און קלענערט זיך אײַן מיט אַ שוים אויף די ליפּן
צוריק.

באַרוועסער וואַנדערלינג,
איידער עס וואַלקנט זיך אויס אויפן ים־ברעג
די גלאַטע געזאַלצענע פײַכטקייט,
פאַרשרײַב מיט אַ ריטל אויף דעם דײַן צוואה:
אַזוי און אַזוי און אַזוי.
אײַנשלינגען זי וועט אַ כוואַליע מיט פּערלנע פליגל
און ברענגען צום קײַקלער פון כוואַליעס
און ער וועט זי לייענען.
לייענען, בענטשן: זאָל זײַן ווי דער וואַנדערלינג ווינטשט זיך.
און תחית־המתים וועט אויפגיין פון זאַמד
אַ פּאַרזונקענער אײנציקער שמייכל.

דער ים וואַרפט אַרויס אויפן ברעג זײַן דערטרונקענע שטילקייט.

דערמאָנונג וועגן ברונעם בײַ מײַן כאַטע לעם ווילּיע:
בשעת אַ דינסטמויד האָט אים זיס צעפּליעסקעט מיט איר שפּרינגען,
אַרומגעאָרעמט האָט ער זי מיט זײַנע שטײַפע רינגען
און אויסגעלאָשן האָט זיך ניט אין ברונעם־תּהום די שקיעה.

אַרײַנגעשפּרונגען איז די מיידל מיטן בויך אין איינעם.
פון יעמאָלט האָט געזשאַווערט סײַ די קייט און סײַ דער עמער
און אויפגעהערט פון אים צו שעפּן וואַסער האָבן שכנים
און אויסגעמיטן האָט אים אויך דער פויגל און זײַן זמר.

אַ טויבן־כאַפּער בלויז, וואָס האָט געזויגן אינעם וויגל
פון טויבנשלאַק, האָט אויף דער קייט פון זשאַווערדיקע פונקען
אַראָפּגעלאָזן זיך בײַ נאַכט אין ברונעם, צו זײַן שפּיגל,
ווו יענע פולע דינסטמויד האָט זיך זיבן מאָל דערטרונקען.

באַגינען — זיך אַרויפגעהויבן גרין און געל און שיכּור
פון בראַנפן וואָס האָט אָנגעקוואָלט בײַ נאַכט אין אַלטן ברונעם.
דער טײַוול ווייס אַלמאַי פאַרנעם איך איצטער די ניגונים
פון טויבן־כאַפּער, ווען איך קער זיך אום צוריק־צוריקער
אַהיים? אַלמאַי איך טרינק ווי ער דעם סם פון אַלטן ברונעם?

איך זאָג צו מײַנע פּיס: וואָס האָט איר מורא פֿאַרן רעגן
אין האַלבנאַכט? בלײַבט געדולדיק שטיין בײַם פֿאָסטקעסטל אין דרויסן.
אַזוי פֿיל סודות אינעווייניק. צולייגן אַן אויער
פֿאַרבאָט ניט קיינער. ס'איז דאָך ניט קיין לייענען, חלילה.

און לייענען אַ בליץ אויף פֿאַרמעטענעם וואָלקן, טאָר מען?
און הערן וואָס אַ רעגן לווישפּערט צו די מתים, טאָר מען?
אַלמאַי זאָל איך ניט צולייגן צום פֿאָסטקעסטל אַן אויער
און הערן ווי אין בריוון־בינשטאָק וועקט זיך אויף די מלכּה?

איך זאָג צו מײַנע פּיס: די רעגן־שנורן זענען קייטן,
איר זײַט געשמידט! ס'וועט אײַך ניט קאָנען פֿרײַ לאָזן קיין דונער.
כ'וועל שטיין בײַם בריוון־בינשטאָק אַ באַנומענער און הערן
דאָס ניט־דערזאָגטע שווײַגן פֿון צעשיידטע צוויי חברים.

זאָל אײַנזאַפּן ביז גאָר מײַן דאָרשטיק לײַב דעם פֿרישן רעגן
און זאָל מײַן אויער אײַנזאַפּן אַצינד מוזיק פֿון סודות.
פֿונאַנדערסודען וועלן זיי זיך מאָרגן איבער לענדער,
צעוואָקלען שטילע ווינונגען און אונטערצינדן בעטן.